# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויקהל פקודי, שבת החודש, מברכים חודש ניסן, כ"ט אדר, שנת תשפ"א לפ"ק

שנה 10, גליון 25 (490)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................**5:42**
מוצאי שב"ק....................**7:13**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............ישעיה י'-כ"ב
בבלי......................פסחים ק"ה
ירושלמי.................יבמות ע"ד
תוספתא..........כלים מציעא ג'
רמב"ם....................גירושין ט'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם. שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה, וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה'.

לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס פּוּנְקְט דִי פַּרְשָׁה אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן "בְּהַקְהֵל" - מֶען הָאט צוּזַאם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם.

דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער, אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' "לַעֲשֹׂת" אֹתָם, דָאס זֶענֶען דִי זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל "טוּן", אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט דִי מִצְוָה אַז מֶען טָאר "נִישְׁט" טוּן קַיין מְלָאכָה שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער דָאס אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף טוּן; נָאר פַארְקֶערְט, אַ זַאךְ וָואס מֶען זָאל נִישְׁט טוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ל"ט) אַז דֶער תַּכְלִית אוּן צִיל פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אִיז נָאר אַז מֶען זָאל קֶענֶען אוּן וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶוען מֶען וֶועט אַרַיינְטְרַאכְטְן אִין דֶעם וֶועט מֶען זֶען דִי וואוּנְדֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט דֶערִין, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ זֶען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וָואס דַאן רוּעְט מֶען זִיךְ אָפּ אוּן מֶען קֶען אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען דִי נִפְלָאוֹת הַבּוֹרֵא וָואס לִיגְט אִין יֶעדֶע זַאךְ. אוּן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין "יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת", מֶען וֶועט זֶען אָפְן אוּן קְלָאר אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַז אִין יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

נִישְׁט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען אָבֶּער אַזוֹי שְׁטַארְק אַרַיינְטְרַאכְטְן אוּן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, דֶעריבֶּער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל גֵיין צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק וָואס עֶר קֶען זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן אוּן מַסְבִּיר זַיין אֲפִילוּ פַאר פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זָאלְן אוֹיךְ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז בַּאהַאלְטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעְלָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מַאכְן אַז אֲפִילוּ דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וִוי חַזַ"ל זָאגְן רָאֲתָה שִׁפְחָה עַל הַיָּם מַה שֶּׁלֹּא רָאָה יְחֶזְקֵאל. מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מַאכְן אַז אֲפִילוּ דִי שְׁפָחוֹת, דִי פָּשׁוּטְסְטֶע מֶענְטְשְׁן, זָאלְן אוֹיךְ זֶען אוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן מִיר דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַזַא גְרוֹיסְן מַנְהִיג וָואס זָאל דָאס קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ טָאג נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מוֹחֵל גֶעוֶוען דִי אִידְן אוֹיפְן חֵטְא הָעֵגֶל, דַאן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּזַאם גֶענוּמֶען אַלֶע אִידְן צוּ זִיךְ, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אַז זֵיי זָאלְן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס קֶען נָאר גֶעשֶׁען וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן זִיךְ צוּזַאם נֶעמֶען צוּם גְרוֹיסְן צַדִּיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר זָאל דָאס אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי.

אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע הַקְדָּמָה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט, אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר צִוָּה ה' לַעֲשֹׂת אֹתָם, אֲפִילוּ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ, שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וָואס מֶען טוּט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, דַארְף מֶען אִין דֶעם טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וִוי אַזוֹי טוּט מֶען דָאס? דוּרְךְ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן לַה', שַׁבָּת וֶוען מֶען רוּעְט זִיךְ אָפּ, דַאן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן, אוּן זֶען אַז אֲפִילוּ דָאס וָואס מֶען טוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוען מֶען אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְּלָאגְט, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין צַייט אוּן גֶעדוּלְד צוּ טְרַאכְטְן, אִין דִי אַלֶע זַאכְן אִיז אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

ווארוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶעדֶענְקְט שְׁטֶענְדִיג אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל אִין יֶעדֶע זַאךְ.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שב"ק פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל תשס"ה לפ"ק)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ נִיסָן

וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ נִיסָן אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן, צוּ פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פָּסוּק זָאגְט אוֹיף חוֹדֶשׁ נִיסָן: "'הַחוֹדֶשׁ' הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ 'חֳדָשִׁים', רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם 'לְחָדְשֵׁי' הַשָּׁנָה", עֶס וֶוערְט דְרֵיי מָאל דֶערְמַאנְט דֶער וָוארְט "חָדָשׁ - נֵיי". דְרֵיי מָאל אִיז אַ חֲזָקָה, יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן אִינְגַאנְצְן.

בֶּאֱמֶת קֶען זִיךְ אַ אִיד בַּאנַייעֶן יֶעדְן טָאג, מֶען מוּז נִישְׁט וַוארְטְן בִּיז חוֹדֶשׁ נִיסָן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אַ אִיד דַארְף יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי. יֶעצְט אָבֶּער, פוּן חוֹדֶשׁ נִיסָן, פוּן שַׁבָּת הַחוֹדֶשׁ, קֶען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמֶען אַ פְרִישֶׁע הִתְחַדְּשׁוּת, זִיךְ צוּ בַּאנַייעֶן טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן, אַרַיינְצוּנֶעמֶען קְלָאר אִין קָאפּ: "נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען נֶעכְטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אוּן
<<<<<<

## א גוט ווארט

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם. מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן: 'נָאר אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ? נָאר אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן?' מֶען פְרֶעגְט קַשְׁיוֹת: 'פַארְוָואס?' 'פַארְוָואס לַייד אִיךְ?' אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט וָואר, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן; נִישְׁטָא קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט.

וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל דֶער קוּקְט אוֹיפְ'ן שׁוֹרֶשׁ פוּן יֶעדֶע זַאךְ, עֶר קוּקְט פוּן וואוּ עֶס קוּמֶען דִי שְׁוֶועריקֵייטְן, וֶוער שְׁטֵייט אוּנְטֶער דֶעם? - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאס אִיז דָאס זִיכֶער גוּט, אִיז דָאס נָאר פַאר מַיין טוֹבָה.

זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, אַנְטְלוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; גֵיי צוּ אִים, רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ אוּן דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס - וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען אַ נֵייעֶ וֶועלְט, עֶס וֶועט שַׁיינֶען אוֹיף דִיר דִי לִיכְטִיגֶע, זִיסֶע אוּן אַנְגֶענֶעמֶע שַׁיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תִשָּׂא תשפ"א)



דער מולד וועט זיין: שבת קודש נאכמיטאג 3 מינוט מיט 5 חלקים נאך 7

# אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# טְרֶערְן צוּ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק מִקַּארְלְסְבּוּרְג זצוק״ל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

**יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל-פְּקוּדֵי, כ״ד אָדָר, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט אַוַדַּאי גֶעהֶערְט דִי בִּיטֶערֶע נֵייעֶס, אַז מַיין גְרוֹיסֶער זֵיידֶע, כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק מִקַּארְלְסְבּוּרְג אִיז נֶעכְטְן נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען נֶעכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען מִיט דִי לְוַיָּ׳, אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען לַאנְגֶע יָארְן צוּ הָאבְּן דִי זְכִיָּה אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים לַאנְגֶע יָארְן זַיין חַבְרוּתָא, יֶעצְט אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

אִים פֶעלְט גָארְנִישְׁט; עֶר גֵייט אַרוֹיף אִין הִימְל מִיט זַיינֶע יָארְן, אָנְגֶעפִילְטֶע יָארְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן דְבֵיקוּת בְּשֵׁם; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּךְ אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען וֶוער דֶער אִיד אִיז גֶעוֶוען.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים מַיין עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין לֶעבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, צְוֵויי מָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט אִים אִין אוּמַאן, אוּן בַּיי נָאךְ אַסַאךְ מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין מִיט אִים צֶענְדְלִיגֶער מָאל פַאר אַפָּאר וָואכְן אִין אֵיין צִי אִין מִירוֹן בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אִיךְ הָאבּ אִים מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶוען אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אִים נִגְלֶה אוּן נִסְתָּר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען פוּן אִים שִׁימוּשׁ אוּן הוֹרָאָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ זֶען וָואס הֵייסְט אַ דַאוֶוענֶען, וָואס הֵייסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, וָואס הֵייסְט זָאגְן בִּרְכַּת הַתּוֹרָה; יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד דַארְף טוּן הָאט עֶר גֶעטוּן מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק, עֶס הָאט גֶעהַאט אַלֶע חֵן אִין דֶער וֶועלְט.

מַיין זֵיידֶע דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק אִיז גֶעקוּמֶען קַיין יַבְנְאֵל מְחַזֵּק זַיין מוֹהֲרָא״שׁ וֶוען מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעהַאט דִי רְדִיפוֹת; עֶר הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען מוֹהֲרָא״שׁ מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

הַיינְט נַאכְט מַאךְ אִיךְ אַ וַואכְנַאכְט בַּיי מַיין שְׁוֶוער אִין וֵוייצֶענֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִיךְ וִויל דִיר לַאדֶענֶען פֶּערְזֶענְלִיךְ, מָארְגְן וֶועט זַיין דֶער בְּרִית בַּיי מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ״א אִין קַארְלְסְבּוּרְג. מַיין טַאטֶע אִיז נֶעכְטְן נַאכְט גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִיט דִי מִטָּה, יֶעצְט קוּמְט פָאר דִי לְוַיָּה אוּן דִי קְבוּרָה אִין מִירוֹן; עֶר וֶועט שׁוֹין זַיין צוּרִיק אוֹיף מָארְגְן אִינְדֶערְפְרִי.

גֶעבּ אַ קוּק וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. מַיין זֵיידֶע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; אִים אִיז יֶעצְט גוּט, עֶר גֵייט אַרוֹיף אִין הִימְל מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ - נִגְלֶה אוּן נִסְתָּר. זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר נָאר גֶעלֶערְנְט; דָאס קֶען מֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר וֶוער עֶס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעזֶען, בַּיי אִים אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא זַאךְ וִוי זִיךְ אָפְּרוּעֶן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעלֶערְנְט טָאג אוּן נַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בֶּעט.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען מִיט מַיינֶע אוֹיגְן אִיבֶּער דְרַייסִיג יָאר דֶעם אִיד לֶערְנֶען אַ גַאנְצֶע נַאכְט; מִיר הָאבְּן גֶעוואוֹינְט הֶעכֶער זַיין דִירָה, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזֶען נָאר לֶערְנֶען, עֶר פְלֶעגְט זִיךְ וַוארְפְן דִי הֶענְט אוּן דִי פִּיס אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן; יֶעצְט וֶועט עֶר עֶסְן דִי שְׂכַר אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ לוֹיף אַרַיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי תשפ״א)

>>>>>>

זֶען וָואס אִיךְ קֶען אוֹיפְטוּן גוּטֶע זַאכְן״.

דֶערְפַאר וֶוען מֶען לֵיינְט דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, אִיז דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מִדָּה פוּן הִתְחַדְּשׁוּת, אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן וָואס עֶס וֶועט זַיין וַוייטֶער, נָאר אִיךְ זָאל מִיר שְׁטֶענְדִיג קָאנְצֶעטְרִירְן אוֹיף דִי יֶעצְטִיגְן מִינוּט, וָואס אִיךְ קֶען יֶעצְט טוּן גוּטֶע זַאכְן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אַזוֹי וֶועל אִיךְ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין״.

דָאס אִיז בֶּאֱמֶת דִי פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ, דִי מִצְוָה פוּן קִידּוּשׁ הַחוֹדֶשׁ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידְן זָאלְן צֵיילְן דִי חֳדָשִׁים לוֹיט דִי לְבָנָה צוּ וַוייזְן אַז אִידְן זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, סוֹף חוֹדֶשׁ וֶוערְט עֶס קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶס בַּאנֵייעֶט אוּן וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ אִיד, מֶען פִּילְט אַסַאךְ מָאל אַז מֶען פַאלְט אוּן פַאלְט, מֶען וֶוערְט קְלֶענֶער אוּן קְלֶענֶער, אָבֶּער נָאכְדֶעם בַּאנֵייעֶט מֶען זִיךְ אוּן מֶען וֶוערְט צוּרִיק גְרוֹיס, אַזוֹי גֵייט עֶס אִיבֶּער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

### שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וַוייל דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן רֶבִּי׳ן, שְׁטֶענְדִיג זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ״ן סִימָן ו׳) אַז עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי.

אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן פוּן רֶבִּי׳ן, וֶוען עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בְּרוּחֲנִיּוּת, הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ״אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וָואלְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הֵייבּ יֶעצְט אָן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל״, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טוּן יֶעדֶע מָאל וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דָאס פְלֶעגְט זַיין בַּיי אִים יֶעדְן טָאג, אוּן אַפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג. וָואס עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן רמ״ז) ״אַזַא חִידּוּשׁ וִוי מִיר אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען״. אֵיינֶע פוּן דִי פְּשָׁטִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אִיז אַז דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער ״חִידּוּשׁ״ טַאקֶע אִין דֶעם עִנְיָן פוּן ״הִתְחַדְּשׁוּת״, זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנֵייעֶן. אוּן דָאס לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס אוֹיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶן, אוּן דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט שְׁטַארְק מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זִיךְ יֶעצְט בַּאנֵייעֶן אִין דִי זַאךְ פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן צ״ח) אַז אִין וִוינְטֶער שְׁטַארְבְּן אָפּ אַלֶע בֵּיימֶער אוּן גְרָאזְן, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט זוּמֶער לֶעבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף, אוּן דֶעמָאלְט קֶען זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ מִיטְכַאפְּן מִיט דִי בֵּיימֶער, אוּן זִיךְ אוֹיךְ בַּאנֵייעֶן אַזוֹי וִוי זֵיי. אוּן דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ׳ן פֶעלְד צְוִוישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער, אוּן דֶער אֱמֶת אִיז, אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע פֶעלְד, מֶען קֶען אִיבֶּעראַל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער הֶעלְפְן צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן בֶּאֱמֶת וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן אַ אִיד אִין עֲבוֹדַת ה׳, וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ יֶעדֶע מָאל פוּן פְרִישׁ, דוּרְךְ דֶעם שְׁטֵייגְט מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער. יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט אִין עֲבוֹדַת ה׳ דַארְף זַיין מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען טוּט עֶס, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, ״יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית״, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, ״יֶעצְט אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס אִיךְ גֵיי דַאוֶוענֶען מִנְחָה״, מֶען גֵייט דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב, אֲפִילוּ מֶען אִיז מִיד אוּן אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט פוּן אַ גַאנְצֶע טָאג, פְרִישְׁט מֶען זִיךְ אוֹיף וַוייל מֶען גֵייט יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גֵיין דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב.

מֶען זֶעט אַז דִי עֶרְשְׁטֶע מַעֲרִיב פוּנֶעם יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיינַאכְט, דַאוֶוענְט יֶעדֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָּונָה אוּן הִתְעוֹרְרוּת, וַוייל דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה פוּן יָאר דַאוֶוענְט מֶען עֶס מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען יֶעדֶע מַעֲרִיב דַאוֶוענֶען אַזוֹי, וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן יֶעדֶע מָאל פוּן נֵיי, דֶעמָאלְט אִיז יֶעדֶע תְּפִלָּה דִי עֶרְשְׁטֶע תְּפִלָּה וָואס מֶען דַאוֶוענְט, אוּן מֶען דַאוֶוענְט עֶס מִיט גְרוֹיס גֶעשְׁמַאק.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיים לֶערְנֶען, יֶעדֶע מָאל וָואס מֶען זֶעצְט זִיךְ לֶערְנֶען, צִי זָאל עֶס זַיין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, אָדֶער מֶדְרָשׁ, זָאל מֶען אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, ״אִיךְ גֵיי יֶעצְט דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל לֶערְנֶען דִי נֵייעֶ לִימוּד״, אוּן וֶוען אַ אִיד פִּירְט זִיךְ אַזוֹי וֶועט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין, וַוייל

<<<<<<

>>>>>>
דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ בַּאנֵייעֶן אוּן מַאכְן שְׁטֶענְדִיג אַ פְּרִישֶׁע הַתְחָלָה.

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען דָאס אוֹיךְ גֶעזֶען וְוי עֶר הָאט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנֵייעֶט, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט מְגַלֶה זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, הָאט מֶען אִים גְלַייךְ נָאכְדֶעם גֶעטְרָאפְן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?", וַוייל עֶר פְלֶעגְט אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

אֲפִילוּ בְּגַשְׁמִיּוּת אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ וֶוען מֶען בַּאנֵייעֶט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן נָאכְגֶעלָאזְט פַּאלְט מֶען אַרַיין אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן דִיפְּרֶעסִיֶע, אוּן מֶען פַארְלִירְט דִי אַפֶּעטִיט צוּם לֶעבְּן, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תל"ו) אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל מֶען נָאכְאַמָאל אָנְהֵייבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הֵייבּ פוּן יֶעצְט אָן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". וַוייל מְמָה נַפְשָׁךְ, אוֹיבּ בִּיז יֶעצְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּט, וֶועט פוּן יֶעצְט זַיין נָאךְ בֶּעסֶער, אוּן אוֹיבּ אִיז בִּיז יֶעצְט נִישְׁט גֶעוֶוען גוּט, דַארְף מֶען דָאךְ זִיכֶער אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ, פוּן יֶעצְט צוּ זַיין גוּט.

דָאס הָאט מֶען אֵייבִּיג גֶעזֶען, אַז דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי מִדָּה פוּן "הִתְחַדְשׁוּת", הָאבְּן גָאר שֶׁענֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן שְׁטֶענְדִיג פוּן נֵיי, טוּט מֶען אַלֶעס מִיט אַסַאךְ מֶער חֵשֶׁק אוּן גֶעשְׁמַאק.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש עֶרֶךְ פַּרְשַׁת הַחוֹדֶשׁ - חוֹדֶשׁ נִיסָן)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (צח)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָפּ אוֹיף שַׁבָּת אִין אוּמַאן, וואוּ סְ'הָאבְּן דַאן גֶעוואוֹינְט מַשְׂכִּילִים רְשָׁעִים.**

**שפו**

דִי דְרֵיי, חֵייקְל אֶפִּיקוֹרוֹס [וְוי דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט הָאבְּן אִים גֶערוּפְן], מִיט זַיינֶע צְוֵויי אֵיידֶעמֶער, הִירְשׁ בֶּער הוֹרְוִויץ אוּן מֹשֶׁה לַאנְדָא, זֶענֶען גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ מֵצַח הַנָּחָשׁ, נָחָשׁ שָׂרָף וְעַקְרָב, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטְן, מַשְׂכִּילוּת, מִיט כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת, עַפְרָא לְפוּמֵיהוּ. זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ אַ בּוּנְד מִיט אַ שְׁבוּעָה נִישְׁט צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם נָאמֶען פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זֵייעֶר מוֹיל, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן זֵיי, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְרוֹבִים לְמַלְכוּת, נָאנְט מִיטְ'ן קֵייזֶער.

סְפֶּעצִיעֶל הָאבְּן זֵיי גֶעקְרִיגְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן פוּן הֵיילִיגְן מַגִּיד זי"ע, דִי גְרוֹיסֶע בַּאקַאנְטֶע צַדִיקִים פוּן יֶענֶעם דוֹר. זֵייעֶר סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אַז גְלַייךְ וֶוען סְ'אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ בַּאקַאנְטֶער צַדִיק צוּם שְׁטָאט אוּמַאן, הָאבְּן זֵיי גֶעטוּעֶן אַלֶע פְּעוּלוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט אִים צוּ פַארְטְרַייבְּן פוּן דָארְט.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי, דֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי"ע, הָאט אַמָאל גֶעוָואלְט וֶוערְן רָב אִין שְׁטָאט אוּמַאן, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט. אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יַעֲקֹב שַׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטִיוְוקָא זי"ע הָאט גֶעוָואלְט דָארְט וֶוערְן רָב אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט.

יֶעצְט וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי קוּמְט קַיין אוּמַאן, הָאט חֵייקְל אֶפִּיקוֹרוֹס גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, "אִיךְ וֶועל גֵיין קוּקְן וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט אִים, אוּן אִיר בְּלַייבְּט דָא. אוֹיבּ וֶועל אִיךְ זֶען אַז סְ'אִיז דָא מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, וֶועט אִיר אוֹיךְ נָאכְקוּמֶען נָאךְ מִיר". חֵייקְל אִיז אַרַיין צוּם אַכְסַנְיָא פוּן רֶבִּי'ן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אִינְדֶערְפְרִי בַּיי דִי סְעוּדָה, וְוי נָאר עֶר הָאט גֶעעֶפֶנְט דִי טִיר הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "וָואס וִויל אַ אִיד?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ אִיז דָא אָנְגֶעקוּמֶען, בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין", הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ?! דָא קֶעגְן אִיבֶּער שְׁטֵייט אַיין אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ!", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעווִיזְן מִיט זַיין הֵיילִיג הַאנְט צוּם אַכְסַנְיָא קֶעגְן אִיבֶּער, וואוּ סְ'אִיז דֶעמָאלְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אַ רוּסִישֶׁער גֶענֶערַאל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין אִים מְקַבֵּל פָּנִים זַיין?".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## אִיךְ בִּין זֵייעֶר צוּקְלַאפְּט, וְוי אַזוֹי שְׁטַארְק אִיךְ זִיךְ?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, דָאס גֶעבְּט מִיר כְּסֵדֶר חִיזוּק אוּן חַיוּת אִין מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוָואקְסְן מִיט אַ שְׁוֶועֶרֶע יוּגְנְט, מְ'הָאט מִיר אַלְץ אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, אוּן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטוּן אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג גוּט, מְ'הָאט מִיר כְּסֵדֶר גֶעמַאכְט שְׁפִּירְן שְׁלֶעכְט אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס כְ'הָאבּ גֶעטוּן. אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין גוּט וָוארְט, נָאר פַארְקֶערְט, אַ הוֹיפְן פוּן קְרִיטִיק אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַמָאל מַאכְן אַ טָעוּת, אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט שְׁפִּירְן שְׁלֶעכְט מִיט דֶעם פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זוֹכֶה גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, אָבֶער מִיט קַיין אֵיין טְרָאפּ זֶעלְבְּס זִיכֶערְקֵייט, וָואס הָאט וְוי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהָאלְפְן צוּ דִי שָׁלוֹם בַּיִת, אָדֶער בִּכְלַל אִין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר אַ גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז אִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן, מַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גָאר שְׁטַארְק פַארְבֶּעסֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אָבֶער אִיךְ בִּין נָאכְאַלְץ הִיבְּשׁ סֶענְסִיטִיוו, וֶוען אֵיינֶער זָאגְט מִיר נָאר אַ קְלֵיין שְׁלֶעכְט וָוארְט, וֶוער אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וֶוערְטְלָאז, מַמָּשׁ וְוי אַ שְׁטִיקְל מִיסְט. אִיךְ קֶען טְרַאכְטְן פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת וְוי אַזוֹי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן קוּקְן אוֹיף מִיר אוּן טְרַאכְטְן וֶועגְן מִיר. מַיין שְׁאֵלָה אִיז וְוי אַזוֹי אִיךְ קֶען בַּאקוּמֶען זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מְ'קְלַאפְּט מִיר אַרָאפּ, אָדֶער וֶוען מֶען קְרִיטִיקִירְט מִיר.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, כ' אָדָר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ שֵׁיינֶע בְּרִיוו מִיט גוּטֶע חִיזוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין בְּרוּדֶער הָרַב רֶבִּי יְחִיאֵל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קסה; מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ג): אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס צַעַר אַז מֶען רוֹדְפְ'ט דִיר אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ וְוי קֶען זַיין קֵיינֶער זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַאר דִיר; דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִים: "אֲהוּבִי אָחִי נַפְשִׁי וּלְבָבִי", מַיין לִיבֶּער בְּרִידֶער, "אַל תִּירָא וְאַל תֵּחַת מִפְּנֵיהֶם", הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן זֵיי, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, "רַק חֲזַק וֶאֱמַץ בַּתּוֹרָה וּבְיִרְאַת ה' כָּל הַיּוֹם", גֵיי וַוייטֶער אָן מִיט דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, שְׁטַארְק זִיךְ אִין תּוֹרָה אוּן אִין יִרְאַת שָׁמַיִם, "כִּי כָּל זֶה לְגַדֵּל אוֹתְךָ וּלְהַרְבּוֹת כְּבוֹדְךָ וּלְגַדֵּל שִׂכְלְךָ", וַוייל אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נָאר דִיר צוּ שְׁטַארְקְן, דִיר אוֹיפְצוּהֵייבְּן דַיין כָּבוֹד אוּן גְרוֹיס מַאכְן דַיין פַארְשְׁטַאנְד.

"כִּי כְּמוֹ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְכָל מִינֵי זֵרְעוֹנִים לָבוֹא לְתַכְלִית גִּדּוּלָם", אַזוֹי וְוי קַיין שׁוּם וַואקְסוּנְג קֶען נִישְׁט וַואקְסְן, "אֶלָּא עַד שֶׁנּוֹתְנִין מִתְּחִלָּה הַגַּרְעִין בֶּעָפָר", נָאר וֶוען מֶען נֶעמְט דִי זוּמֶען אוּן מֶען לֵייגְט עֶס אִין דֶער עֶרְד, "וְאַחַר כָּךְ הַגַּרְעִין נִתְבַּלֶּה", אוּן דִי זוּמֶען

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

וֶוערְט פַּארְפוּילְט אִין דֶער עֶרְד, "וְאַחַר בְּלוֹתוֹ יִפְרַח וְיָצִיץ וְנַעֲשֶׂה אִילָן גָּדוֹל", הֶערְשְׁט דֶעמָאלְט קֶען פוּן אִיר אַרוֹיסְקוּמֶען אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע בּוֹים, "כֵּן הַדָּבָר הַזֶּה", אַזוֹי אִיז מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה שֶׁמַּשְׁפִּילִין אוֹתְךָ עַד עָפָר", וֶוען מֶען דֶערְנִידֶערְט דֶעם מֶענְטְשׁ מַמָּשׁ בִּיז צוּם עֶרְד, "עַל יְדֵי זֶה תִּתְגַּדֵּל וְתָצִיץ וְתִפְרַח בָּעוֹלָם", דוּרְךְ דֶעם שְׁפְּרָאצְט מֶען אוֹיף אִין דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס אִינֶעם בְּרִיוו: "אִלּוּ הָיוּ יוֹדְעִין אֵלּוּ הָרְשָׁעִים מִזֶּה, בְּוַדַּאי לֹא הָיוּ מְבַזִּין אוֹתְךָ, כִּי כָּל כַּוָּנָתָם לְרַע", וֶוען דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעווָאוּסְט וָואס פַאר אַ טוֹבָה זֵיי טוּעֶן דִיר מִיט דֶעם וָואס זֵיי טְשֶׁעפֶּען דִיר אוּן רוֹדְפְ'ן דִיר, וָואלְטְן זֵיי דִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט.

דֶער בְּרִיוו אִיז גוּטֶע חִיזּוּק פַאר דִיר אוּן פַאר אַלֶעמֶען; וֶוען מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי דֶערְנִידֶערְט - דֶעמָאלְט קֶען מֶען הֶערְשְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ וַואקְסְן. אַזוֹי וִוי אַ קֶערְל הֵייבְּט אָן וַואקְסְן אוּן שְׁפְּרָאצְן נָאר נָאכְדֶעם וֶוען זִי וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיס, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען דֶער מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ אַלֶע דַּרְגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם וֶוען עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט.

נֶעם אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִיר, וֶועט דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן, וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוֹיף דִיר; דוּ וֶועסְט וַואקְסְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, דוּ וֶועסְט צוּקוּמֶען צוּ דִי דַרְגָּה פוּן צַדִּיקִים וָואס גֶעפוּנֶען זִיךְ דָא אִין עוֹלָם הַגַּשְׁמִי אוּן זֵיי שְׁפַּאצִירְן אִין דִי עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, זֵייעֶר מֹחַ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה כִּי תִשָּׂא תשפ"א)

### נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## כלל ישראל באוויינט די הסתלקות פונעם שר התורה ועמוד ההוראה כקש"ת הגאון הקדוש רבי יחזקאל ראטה זצוק"ל

מיט גרויס צער און ווייטאג האבן אידישע קינדער אויפגענומען דעם זונטאג די ביטערע נייעס איבער די הסתלקות פונעם שר התורה ועמוד ההוראה כקש"ת הגאון הקדוש רבי יחזקאל ראטה זצוק"ל, גאב"ד קארלסבורג, אין עלטער פון 86 יאר.

דער רב זצוק"ל איז געווען א סימבאל פון אן אמת'ער צדיק, אן עובד ה' מנעוריו, אלע זיינע יארן האט ער געדינט דעם אייבערשטן מיט גרויס מסירות נפש, געלערנט יומם ולילה בלי הפסק, געדאווענט מיט גרויס דביקות, און געטון דעם רצון ה' מיט א געוואלדיגע שמחת המצוות.

דער פעדער איז צו ארעם אויסצורעכענען זיין געוואלדיגע גדלות בתורה ועבודה, זיין קדושה וטהרה, זיין גרויסקייט בנגלה ונסתר, זיין גרויסער כח בהלכה וואס איז געווען א לייכט טורעם פאר אידן איבער די גאנצע וועלט, זיין שטארקייט מיט'ן לא תגורו מפני איש זיך צו האלטן נאר צו די ריינע תורה והלכה און זיך נישט דערשרעקן פאר קיין שום זאך, און צו די זעלבע צייט זיין געוואלדיגע ענוות זיך אראפלאזנדיג צו יעדן איד מקטן ועד גדול, און מקרב זיין יעדן איינעם.

דער רב זצוק"ל איז אנגעגאנגען מיט זיין עבודת הקודש ביז צו זיין לעצטע מינוט. די פלוצלינגדיגע הסתלקות האט באטראפן אידישע קינדער ווי א דונער אינמיטן טאג, צענדליגע טויזנטער אידן האבן זיך פארזאמעלט צו די לוי' בבית מדרשו אין בארא פארק, נאך די לוי' איז די מטה געפירט געווארן קיין ארץ ישראל, פילע צענדליגע טויזנטער אידן האבן באגלייט די מטה אין אתרא קדישא מירון, מקום מנוחת התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי, און ער איז דערנאך געקומען לקבורה אינעם קארלסבורגער בית החיים אין מירון.

אבל יחיד עשו לך, ווי באקאנט די גרויסע חביבות וואס דער גרויסער גאון וצדיק האט ארויסגעוויזן פאר זיין אייניקל, דער ראש ישיבה שליט"א, וואס האט זוכה געווען משמש צו זיין דעם גרויסן זיידן פאר לאנגע יארן, געלערנט מיט אים בחברותא, און באקומען פון אים שימוש און הוראה. און שפעטער, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן מחזק זיין בחורים און אינגעלייט, האט דער זיידע אים גאר שטארק מחזק געווען אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט מקרב צו זיין אידישע קינדער לאביהם שבשמים.

**וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה'!**

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

# תורה תורה חגרי שק

**מיט א צעבראכן און פארקלעמט הארץ באוויינען מיר די הסתלקות פון הגאון הקדוש, שר התורה, עמוד ההוראה, חסידא ופרישא**

# כקש"ת רבי יחזקאל ראטה זצוק"ל

**גאב"ד קארלסבורג**

**וואס איז נסתלק געווארן לגנזי מרומים, צו די צער און ווייטאג פון גאנץ כלל ישראל, אום כ"ג אדר תשפ"א**

**וכל בית ישראל יבכו את השרפה אשר שרף ה'**

# כוס תנחומין

**פאר זיין באליבטער אייניקל ראש הישיבה שליט"א**

**און זיין חשובער טאטע**

**כ"ק הגה"צ רבי משה שליט"א, ממלא מקום אביו זצוק"ל, גאב"ד קארלסבורג**

**און פאר די גאנצע משפחה**

דער אייבערשטער זאל אונז אלע טרייסטן פון דעם געוואלדיגן צער, מיר זאלן זוכה זיין צו גיין אין די וועגן פון דעם גרויסן גאון וצדיק, און דער אייבערשטער זאל אונז שוין אויסלייזן פון דעם ביטערן גלות, בביאת משיח צדקנו במהרה בימינו אמן.

**תלמידי היכל הקודש**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **יודל דעפריס** הי"ו
**צו די שמחת החתונה למזל טוב פון זיין זון**
החתן מו"ה **חיים ישעי'** הי"ו
**עב"ג בת**
מו"ה **אלימלך שארף** שליט"א

***

מו"ה **נחמן ניישטיין** שליט"א
**מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים**
**צו די שמחת בר מצוה למזל טוב פון זיין זון**
הבחור החשוב **דוד** נ"י

***

מו"ה **אליעזר שמן** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן ישראל יאקאבאוויטש** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

החתן מו"ה **חיים צוקער** הי"ו
**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**


## פסח אפטיילונג

גרייט אייך צום הייליגן יום טוב פסח מיט שיעורים, דרשות, מעשיות פאר קינדער, און נאך פילע אינטערעסאנטע זאכן.
קול ברסלב
**212-444-9191**
**1, 1, 9**

## עצתו אמונה ביי אייער טיר



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט
פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך
זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן
**718-387-2691 #3**
**subscribe@kerenhadfusa.org**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**